*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת וירא

שבת פרשת וירא תרצ"ג, האט דער פריערדיקער רבי דערציילט: "אז ווען זיין פאטער, דער רבי רש"ב, איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר, האט אים זיין מוטער, הרבנית רבקה, אריינגעפירט צו זיין זיידע, דער צמח צדק, מקבל זיין א ברכה, *לכבוד זיין יום הולדת* בשבת קודש פרשת וירא".

אריינגייענדיק צום צמח צדק, האט ער זיך פארנאנדער געוויינט. האט אים דער צמח צדק געפרעגט: וואס וויינט ער? האט ער געענטפערט: אז ער האט געלערנט אין חדר, אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו, און צו אונז באווייזט ער זיך ניט, איז אויף דעם וויינט ער.

האט אים דער צמח צדק געענטפערט: "אז א איד א צדיק, צו ניין און ניינציק יאר באשליסט אז ער דארף זיך מל זיין - *ווערן בעסער* - איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזען צו אים".

דער רבי האט ערקלערט ביי א פארברייגגען, אז פון די מעשה דארפן מיר אפלערנען צוויי זאכן.

1. *פון דעם רבי'ן רש"ב'ס פראגע - וויינען*.

2. *פון דעם צמח צדק'ס ענטפער*.

פון דעם רבי'ן רש"ב'ס וויינען, אויף דעם וואס דער אויבערשטער האט זיך ניט באוויזן צו אים, קען מען אפלערנען, אז יעדער איד קען מאנען, און מאנען מיט א שטארקייט, אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים, אזוי ווי צו אברהם אבינו.

פון דעם צמח צדק'ס ענטפער קען מען אפלערנען - אז אמת טאקע, יעדער איד קען מאנען אז דער אויבערשטער זאל זיך צו אים באווייזן, עס פאדערט זיך אבער אן הקדמה: ער זאל וויסן אז ער דארף זיך מל זיין - ווערן בעסער.

און דורך דעם וואס מיר ווערן בעסער און *מאנען מיט א שטארקייט*, וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן זיך - *וירא* - מיט'ן רבי'ן דא למטה והוא יגאלנו.

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

Back to "Dvar Torah"